ב"ה

# אין ליכט
# פון תורה

ספר

# שבט מוסר
# כי תצא

אידיש

**549**


הוצאת אמונה

ברוקלין נוא יארק,

שנת תשנ"ח לפ"ק

בעזרת השם יתברך

# פרק
# שמונה וארבעים

## תצא

אין דעם פרק וועט ערקלערט ווערן, אַז דער מענטש זאָל זיך לערנען מוסר פון אַ קינד אויף צו דינען דעם באַשעפער און ער זאָל זיך נישט שעמען פאַר די אָפּלאַכער.

דער הייליגער גאון וצדיק ר"ר הלל קאלאמייער זצ"ל האָט עדות געזאָגט אַז דער "שבט מוסר" האָט אים געמאַכט פאַר אַ מענטש, און אַזוי האָבן גרויסע צדיקים וקדושים אָנגעזאָגט זייערע קינדער צו לערנען שטענדיג אין דעם ספר, ווייל דאָס האָט זיי געברענגט צו דעם וואָס זיי זענען צוגעקומען.

# אינהאַלט

## פון אַכט און פערציגסטער פרק


**א.** אַ מענטש זאָל זיך לערנען צו דינען השם יתברך, פון דעם נואף און פון דעם גנב............................... ד

**ב.** דער מענטש זאָל אָנהויבן זיך שלאָגן מיט דעם יצר הרע און השם יתברך וועט אים העלפן ................ ד

# פרק שמונה וארבעים

**א. יבינו הלבבות,** עס זאָלן פאַרשטיין די הערצער, און עס זאָלן דערוועקט ווערן די געדאַנקען, צו די רייד פון דעם דאָזיגן פרק, וואָס איך שטעל פאַר יעדן מענטש, פאַרן עושר ווי פאַר דעם אָרעמאַן. און אין דעם פרק וועלן מיר ערקלערן, ווי אַזוי דער מענטש קען זיך אָפּלערנען פון אַ קינד צו דינען דעם באַשעפער, ווי ווייט ער קען, אפילו אויב דורך דעם וועט אים דערגרייכן בושה.

**ב. שהרי,** ווייל דאָס קינד טוט זיין ווילן ווי ווייט ער קען, כאָטש ער ווערט דורך דעם מבוזה, און קיין שום זאַך האַלט אים נישט אָפּ פון דערפילן זיין ווילן. און ווען ער זעט עסנוואַרג, שעמט ער זיך נישט און כאַפּט זיך צו צו דעם און עסט עס אויף. דאָס זעלבע ווען ער ווערט שלעפעריג, נישט קוקנדיג וואו ער געפינט זיך, לייגט ער זיך אַנידער און ווערט אַנטשלאָפן. פון אים זאָל זיך דער מענטש אָפּלערנען צו דערפילן די שטרעבונג פון זיין נשמה, צו דינען השם יתברך מיטן גאַנצן האַרץ און נפש און געלט. און כאָטש דורך דעם קען ער פאַרשעמט ווערן דורך די וועלכע קריגן אויף אים, זאָל ער זיך וועגן דעם נישט זאָרגן, ווייל ער דערפילט די שטרעבונג פון די נשמה.

**ג. ואף,** און כאָטש דאָס קינד האָט ווייניג שכל, און דאָס איז אים גורם ער זאָל טאָן נאַרישע מעשים, אָבער דער ערוואַקסענער מענטש, זיין שכל האַלט אים אָפּ פון טאָן אַזעלכע מעשים וועלכע וועלן אים פאַרשעמען, פונדעסטוועגן, צוליב דינען השם יתברך זאָל ער זיך מאַכן אַזוי ווי אַ קינד וועלכער האָט קיין שכל נישט, ווייל אַנטקעגן השם יתברך, איז אַפילו דער גרעסטער חכם גערעכנט ווי אַ בהמה.

**ד. ובהיות,** און ווייל עס איז אַזוי, פאַרוואָס זאָל ער זיך שעמען און פאַר וועמען זאָל ער זיך שעמען, ווען ער קומט דינען

דעם באַשעפער. ער זאָל זיך פילן אין יענע צייט ווי אַ בהמה, און זאָל נישט זאָרגן וועגן קיין שום זאַך.

## אַ מענטש זאָל זיך לערנען צו דינען השם יתברך, פון דעם נואף און פון דעם גנב.

**ה. גם,** אויך זאָל זיך דער מענטש אָפּלערנען פון אַ נואף, און אַ גנב, צו דינען דעם באַשעפער, און זאָל נישט מבטל זיין זיין דינסט צוליב בושה. דער נואף נעמט דאָך אָן אויף זיך די שאַנדע וואָס ער וועט האָבן, ווען מען וועט אים כאַפּן. דאָס זעלבע דער גנב, צוליב דערפילן די תאוה זאָרגט ער נישט וועגן די שאַנדע וואָס ער וועט האָבן אויף מען וועט אים כאַפּן ביי דער גניבה. מכל שכן אַז דער מענטש זאָל זיך נישט זאָרגן וועגן קיין בושה און שאַנדע פון די וועלכע לאַכן אָפּ פון אים, אים אָפּצוהאַלטן פון דינען דעם באַשעפער, און ספּעציעל אַז דער אמת איז דאָך אַז זיי וועלן פאַרלוירן ווערן, און ער וועט בלייבן שטיין מיט גרויס כבוד, ווייל די מצות זענען ביטער ביים אָנפאַנג, און ביים ענדע זענען זיי זיסער פון האָניג, און ער באַקומט דערפון גרויס כבוד, אָבער די עבירה איז צום אָנהויב זיס און צום סוף ביטער, און שאַנדע דערגרייכט אים.

## דער מענטש זאָל אָנהויבן זיך שלאָגן מיט דעם יצר הרע און השם יתברך וועט אים העלפן

**ו. לכן,** דעריבער, זאָל דער מענטש שטעלן קעגן זיינע אויגן, אַז יעדער אָנהויב איז שווער, און דאָס זעלבע איז אויך ביי די מצות, אָבער אַז ער וועט זיי נאָר אָנהויבן צו טאָן וועט מען אים באַלד העלפן פון הימל, מיט אַזאַ אופן אַז ער וועט זיי קענען מקיים זיין גיך און גרינג, און גרויס פרייד וועט אים דערגרייכן. און די וועלכע האָבן אים פאַרשעמט און אָפּגעלאַכט פון אים, וועלן אָפּטרעטן מיט שאַנד, און די אַלע עבירות פון דעם וואָס טוט די מצוות וועלן איבערגעקערט ווערן אויף זכיות. אמן.

## אויפקלערונג וועגן איסור יחוד

**עס** איז ראַטזאַם און וויכטיג יעדער זאָל מעורר זיין ביי זיך אין שטיב, ווי אויך פאַר פרעמדע אַז נישט נאָר וואָס מען טאָר נישט אַליינס פסק'נן ביי קיין שום יחוד פראָבלעם פינקט ווי ביי יעדע אַנדערע הלכה פון די תורה, נאָר אַפילו אויב מען דערוויסט זיך דורך שכנים אָדער קרובים א.ד.ג. הלכות וואָס אַ מורה הוראה האָט גע'פסק'ט ביי געוויסע ביי שפילען, טאָר מען דאס נישט נאכטוהן ביי זיך אהנע שאלה פרעגן, ווייל אַזוי שטייט געשריבען אין די פוסקים (עי' ש"ך יור"ד קפ"ח ז', ובש"ע תניא, לחו"ש פת"ש ו, ולבנון נטע, שם) און אַמאָל געדענקט יענע פרוי נישט פינקטליך, אַמאָל איז דאָ געוויסע זייטיגע סיבות פאַרוואָס ביי יענע האָט מען מתיר געווען און ביי די פרוי איז דאָס נישט שייך צב"ש אַ רב האָט מתיר געווען יחוד פאַר אַ פרוי מיט אַ מאַן ווען נאָך איין פרוי איז מיט איר, איז געדרינגען פין דעם אַז צוויי פרויען איז גענוג קעגן יחוד, ביז דערווייל איז דער היתר נאָר געווען ווייל עס איז געווען איר שוויגער, אָדער שוועגערן, א.ד.ג. דעריבער נישט נאָר וואָס מען טאָר זיך נישט פאַרלאָזן איין מענטש צום צווייטען, נאָר אפילו דער זעלביגער זאָל זיך נישט פאַרלאָזן פון איינמאָל אויפ'ן אַנדערן, נאָר אויב דער מורה הוראה זאָגט קלאָר אַז מען קען זיך אייביג פאַרלאָזן אויף זיין היתר. און אַזוי אויך אויב דער רב האָט גע'פסק'ט לאיסור דאַרף מען זיך נישט אָפּהאַלטן אַ צווייט מאָל נאָכאַמאָל צו פרעגן די שאלה.

**דער** רמב"ם שרייבט: עס איז נישטאָ אין די גאַנצע תורה נאָך אַ זאַך וואָס רוב מענטשן איז שווער זיך אָפּצושיידען דערפון אַזוי ווי עריות, דעריבער דאַרף יעדער מענטש באַצווינגען דעם יצר הרע און זיך געוואוינען מיט גרויס הייליקייט, מיט ריינע געדאַנקען, כדי געראַטעוועט צו ווערן דערפון, **און ער דאַרף געוואָרענט זיין פון "יחוד" וואָס דאָס איז דער גרעסטער גורם צו שטרויכלונגען,** (סוף פכ"ה מה' איסורי ביאה).

**איסור** יחוד איז אָנגענימען ביי רוב מענטשן אַז אויב מען האָט ח"ו נישט געטאָן קיין שום שלעכטס בשעת'ן יחוד האָט מען נישט געטאָן קיין איסור, ביז דערווייל איז דאָס נישט אמת, אַפילו ער איז געווען דאָרטן דבוק אין רבש"ע האָט ער אָבער דאָך עובר געווען אַ איסור פון די תורה מיט דעם אַליין וואָס ער איז געווען אין אַ שטיב אַליינס מיט אַ פרעמדע אשה.

**דער** נודע ביהודה שרייבט ווי פאָלגענד: רוב וועלט איז זיך טועה, זיי מיינען אַז איסור יחוד איז אָפּהענגיק אין טאָן עפּעס, און אויב מען האָט גאָרנישט געטאָן האָט מען נישט עובר געווען אויף איסור יחוד. דער אמת איז אָבער נישט אַזוי, ווייל אַפילו עס איז אים גאָר קיין בייזעס נישט אַרויפגעקומען אויפן געדאַנק פינדעסטוועגן אויב ער איז געווען אין איין שטיב מיט אַ פרעמדע פרוי אליין איז ער שוין באַגאַנגען אַ איסור פון דער תורה, (דרושי הצל"ח דרוש א' אר' י"א, וכ"כ הגה"ק מדינאב זצ"ל בדפ"ק ל"ת ל"ה, וכן כ' הג' בעהמח"ס שביתת השבת נד' בס' פני ארי החי בתח' ח"ב).

**אין** אַנדערע ווערטער, אויב איינער איז געווען אַליינס מיט אַ פרוי אין אַ שטיב איז דאָס פונקט ווי ער וואָלט געגעסען חזיר און אפשר ערגער ווייל עס איז לויט געוויסע פוסקים יהרג ואל יעבור (עי' שו"ת טוטו"ד סי' קצ"ב).

**נאָך** שטייט אין ספרים, אַז דער מענטש איידער ער האַלט דערביי קען ער זיך נישט פאָרשטעלן דעם קראַפט פון זיין יצר הרע (שם בס' הנ"ל) און דערפאַר ווערט גע'פסק'ט (אין שו"ע אה"ע כב, טו) אַז מען טאָר נישט באַשטימען דעם גרעסטן צדיק וואָס עקזיסטירט, אַלס שומר אויף אַ הויף וואָס עס זענען דאָ דאָרט פרויען כאָטש ער שטייט אינדרויסן. (זעה ווייטער פי"ב אר' ח, ט, י), עס ווערט געברענגט פון הגה"ק מהר"ם מסאווראן זצ"ל אַז אַמאָל איז אַריינגעקימען צו אים אין שטיב אַ אידענע מיט אַ בקשה, און אַזוי ווי קיינער איז נישט

דאָרט געווען האָט דער רבי זיך גענימען לויפן מיט איין אָטעם ביז׳ן לעצטן שטיב און זיך שטאַרק איינגעשפּאַרט. שפּעטער האָבן אים די נאָענטע געפרעגט פין וואָס האָט דער רבי אַזוי מורא, האָט ער געענטפערט בלויז איסור יחוד, וואָס איז אסור מן התורה האָב איך מורא געהאַט עובר צו זיין!

**ענליך** צו דעם ברענגט דער ספר ״דבר הלכה״ אין די הקדמה, וועגן הרה״ק מסטאלין ז״ל, אַז אויף דער עלטער האָט מען אים אַפּערירט איז ער אַזוי געלעגט דערנאָך אין אַ שטיב אַליינס, אינצווישן איז אַריינגעקימען גאָר אַ אַלטע אידענע (מסתמא איבער אַכציג), האָט זיך אויף די מינוט צוגעדאַכט דעם צדיק אַז ער איז באיסור יחוד, האָט ער זיך אַריבערגעקייקעלט צום פענסטער און אַרויס דורכן פענסטער, פרעגנדיק אים וואָס איז דען געפערליך? האָט ער געענטפערט: עטס קענטס נישט דעם יצר הרע? ער מאַכט אין איין רגע אַ קראַנקען געזינט, און אַן אַלטען יונג...

**עס** זענען דאָ פּוסקים וועלכע האַלטען אַז מ׳דאַרף זיך לאָזען האַרגענען ווי איידער עובר זיין איסור יחוד (שו״ת טוטו״ד סי׳ קצ״ב).

**נאָך** אַ גרויס שטערונג ביי איסור יחוד איז בושה, עס איז ליידער אַ גרויסע אָפּהאַלט אויך ביי אַנדערע מצוות דאָרט ווי עס טאָר באמת נישט געניצט ווערען אָפּצוהאַלטען פין מצוות און מעשים טובים. די ספרים ריפען דאָס (בושה רע), דאָס שלעכטע טייל פין בושה. די וועלט זאָגט ״אַן אָרעמאַן גייט אויס פין בושה, נישט פין הינגער״ וויפיל פּראָבלעמען און קאָמפּליקאַציעס זענען אַרויסגעקימען דורך בושה צו רעדן אַ וואָרט ווען עס האָט אויסגעפעלט, זייער אָפט קימט פאָר אַפילו ביי ערליכע יונגעלייט טאָמער איז מען עפ״י סיבה אָנגעקימען ביי אַ נאָענטע אין שטיב, און דער מאַן איז נישט געווען אינדערהיים, און די קרובה האָט אים מכבד

געווען נישט צו שטיין אינדרויסען נאָר אַריינקימען אַראָפּזעצן זיך אָפּרוען אָדער אָנוואַרעמען, און צוליב בושה האָט ער נישט אָפּגעזאָגט.

**אָדער** ווי עס טרעפט זיך זייער אָפט, מען גייט אָפּנעמען אַ פּעקל ביי אַ פרעמדן און יענער הייסט אַריינקימען וואַרטען אין שטיב ווילאַנג מען ברענגט דאָס צו און מען שעמט זיך צו בלייבן אינדרויסען. ביי שוואָגערס מיט שוועגערינס איז דאָס אַ טאָג טעגליכע ערשיינונג, און אומבאַמערקט באַגייט מען איסורי דאורייתא און דרבנן פין יחוד, בלויז צוליב בושה.

**דעריבער** טייערע חשוב׳ע אידישע ערליכע ברידער! וואָס אַנטלויפען פאַר יעדן חשש און ספק איסור דרבנן, כ״ש אַ זיכערע איסור דאורייתא! שטעלט אַוועק אַלע בושות אין דער זייט נישט אומזיסט האָט דער הייליגער טור און רמ״א, געפינען פאַר נויטיג זאַפאַרט אין אָנהייב טור שלחן ערוך צו מעלדן אַז ווען עס האַנדלט זיך וועגען דינסט פין השי״ת דאַרפמען אַוועקלייגען אינדערזייט אַלע בושות, ווייל דאָס גראָבט אינטער די יסודות פין קיום היהדות און גרייפט אָן מיט אַ געוויסע פראָצענט פילע מצוות פין די תורה, מיר ווייסען פון גאָר שוידערליכע פאַסירונגען ווי בחורים און יונגעלייט זענען געשטרויכעלט געוואָרען אין אַריינגעפאַלען אין נעץ פין יצר-הרע ממש ביז׳ן סאַמע אָפּגרונד, אָנהייבנדיג זיך מיט בושה. מען שעמט זיך צו זאָגען אָדער מ׳שעמט זיך אָפּצוזאָגען.

**ווער** רעדט נאָך טאָמער גייט מען צו אַ גרויסן דאָקטער, האָט מען מורא אַרויסצוזאָגן אַ איבריג וואָרט. ווער וועט דען אינטערשטיין פין דאָקטער צי בעטן אָפען לאָזען די טיר, א.ד.ג. וועגן יחוד. מיר גלייבן אָבער אין די הייליגע ווערטער פין די חז״ל וועלכע האָבן אונז געלערענט (ב״ק פ״ה) אַז די תורה האָט געגעבן די רעכט

פאַר אַ איד צו גיין צום דאָקטער, און אויב נישט וואָלטען מיר טאַקע נישט געטאָרט, נאָר וואַרטן אויף די רפואה פין הימעל גראָד, אָהנע פאַרמיטלונג פין דאָקטער, אָבער גיין צו אַ דאָקטער ווען עס איז פאַרבינדעןמיט איסור יחוד האָט די תורה נישט ערלויבט.

**אידן** מאמינים בני מאמינים ווייסען און גלייבען אַז דער דאָקטער היילט נישט, ער איז בלויז אַ שליח פין רבונו-של-עולם, נישט מער! און אויב חס-ושלום מען ווייזט נישט פין הימעל קען דער דאָקטער נישט העלפן (עי' היטב בתפלה להרמב"ם קודם עסקו ברפואות, כי נורא הוא) עס פאַרלאַנגט זיך דאָך הימלישע הילף אַז דער דאָקטער זאָל צוטרעפן וואָס מען דאַרף צום היילען, אַזוי ווי מען זעהט טאָג טעגליך אַז ווען די רפואה איז נישט באַשערט טרעפט מען נישט דעם ריכטיגען דאָקטער, און טייל מאָל פאַרזעהט דער דאָקטער דעם ריכטיגען קראַנקהייט, און אפילו ער פאַרזעט נישט העלפט נישט די מעדיצין וואָס ער געט. דאָס איז אויסער שווערע צענדליגע קראַנקהייטן וואָס עס איז בכלל נישטאָ קיין הייל מיטעל קעגן זיי. דעריבער איז דאַן דער צייט נאָכמער אַכטונג צו געבן אויף יחוד מיט עהנליכס, ווייל דאָרט ווי די קדושה ווערט נאָכגעלאָזט טרעט די שכינה אָפּ (תצא, ולא יראה ערות דבר ושב מאחריך) און אַודאי נישט מורא און בושה האָבען צו זאָגען צום דאָקטער וועגן יחוד אָדער אַנדערע קורבה, פאַר'ן רבונו-של-עולם וואָס איז דער ריכטיגער רופא כל בשר דאַרף מען מורא האָבען נישט פין דאָקטער!

**וועגן** דעם ענין פון בושה דערמאָנט שוין דער רמב"ם (סוף ה' איסורי ביאה) אַז די גרויסע חכמים פלעגן בעטן די תלמידים מ'זאָל זיי אויסהיטן פין יחוד פין די אייגענע טעכטער, נאָר כדי צו ווייזען פאַר די תלמידים אַז מען טאָר זיך נישט שעמען (עי' מס' קידושין בסופו).

**עס** איז כדאי אַראָפּצוברענגען אַ מעשה שהי׳ וואָס צייגט אָ בילד ווי ווייט די עם הארצות פונעם באַדייט פון איסור יחוד קען גורם זיין מכשולות, אַ היימישער חשוב׳ער ת״ח פלעגט גיין זיך היילען דורך עלעקטער (שטראַלען) ביי אַ ערליכע אלמנה וואָס האט געהאַט די מאַשינקע דערצו, שטענדיג פלעגט ער געוואָרענט זיי אַז די טיר זאָל זיך נישט פאַרשפאַרען, איינמאָל האָט זיך עס פאַרשפאַרט האָט ער געבעטן פון איר אַ טובה זי זאָל עס עפענען וועגן יחוד, איז זי אָנגעצינדען געוואָרען מיט כעס זאָגענדיג, איך בין דען נישט קיין ערלעכע אידענע? און זי האָט אים אַרויסגעטריבען פון שטיב. (מובא בהק׳ לס׳ ״דבר הלכה״, ונודע לו מיהו הת״ח).

**די** מוסר השכל פון די פאַסירונג זענען פיל, ערשטענס טאַקע צוליב מורא פון אַזעלכע און ענליכעס צ.ב.ש. יענער זאָל זיך ח״ו נישט באַליידיגען האָט מען מורא צו זאָגען וואָס מען דאַרף, און מיט אַ רוהיג געמיט איז מען עובר יעדער רגע אַ איסור דאורייתא.

**דאָס** צווייטע, אַז די אלמנה האָט פשוט נאָר צוליב׳ן נישט וויסען די הלכה פון יחוד געמיינט אַז דאָס איז נאָר געזאָגט געוואָרען פאַר פרוצות, און דערפאַר האָט זי זיך געפילט באַליידיקט הערענדיג אַז מען האָט מורא פון יחוד מיט איר, און אַזוי אַרום איז זי מן הסתם צענדליגע מאָל טוענדיג איר אַרבעט געשטרויכעלט געוואָרען אין איסור יחוד, מיינענדיג אַז נישט פאַר אַזעלכע ערלעכע ווי איר איז דאָס געמאַכט געוואָרן. וואָלט זי אָבער וויסן אַז אַפילו ביי אַ אידענע וואָס איז גרויס ווי שרה אמנו, איז אויך דאָ איסור יחוד אַפילו מיט אַ מאַן וואָס איז גרויס ווי משה רבינו, וואָלט זי אַנדערש אויפגענימען דאָס גאַנצע, און פון זיך אַליינס וואָלט זי אַכטונג געגעבן, פּינקט ווי קיינעם איז נאָכנישט בייגעפאַלן אַז נישט גנב׳נן אָדער ליגענט זאָגען איז נאָר געזאָגט געוואָרען פאַר נידריגע ברואים און נישט פאַר געהויבענע צדיקים און צדקניות.

**דער** איסור פון יחוד איז אַפילו פאַר אַ מאַן וואָס איז 90 יאָר אַלט מיט אַ דריי יאָריג מיידעל - אָדער ניין יאָריג אינגל מיט אַ 90 יאָריגע פרוי. (אבן-העזר סימן כב סעיף א).

**צו** דעם אַלעם פעלט אויך אויס צו וויסן די איינצלהייטען פין איסור יחוד, וואָס דאָס איז די אויפגאַבע פין טאַטן צו לערנען מיט די ווייב און קינדער, און דער עיקר אַרויסברענגען אַלע טעגליכעביישפּילען אין שטיב ווי אויך אין דער פרעמד ווען עס קמט פאָר יחוד, און מדריך זיין וואָס צו טאָן על-פּי תורה אַזוי ווי עס קען פּאַסירען אַ שאלת יחוד פלוצלונג פון איין מינוט אויפן צווייטען, דעריבער זאָל יעדער איינער אָנזאָגן אין שטיב אַז ווען עס טרעפט אַז מען איז מיט אַ פרעמדע פרוי אין איין שטיב אָדער דירה זאָל מען אַרויסגיין און נישט בלייבען דאָרט איין רגע, אָדער עפענען די טיר ברייט צום קאָרידאָר אָדער גאַס ווי מענטשען דרייען זיך, אַזוי ווי עס טרעפט זיך אָפט אַז אינמיטן טאָג ווען קיינער איז נישט אינדערהיים קימט אַריין אַ משולח, צי אַ באַקאַנטער, צי אַ דעליווערי מאַן, צי אַ טעלעפאָן אַרבייטער, צי אַן עלעקטרישן אָדער אַ פּלאָמבער (וואַסער לייטונג פאַרעכטער) א.ד.ג., זאָל מען געוואָרענט זיין נישט אָנהייבען אַריינצולאָזען קיין שום מאַנס פערזאָן. צדקה זאָל מען געבן דורך די שפּאַלטן פין טיר אָדער פאַרלאַנגען מען זאָל קימען ווען דער מאַן איז אינדערהיים, ווייל צדקה דורך איסור יחוד איז סיוּוּי גאָרנישט ווערט (יוסף אומץ 287). אַ פעקל זאָל מען הייסען אַראָפּלייגען נעבן דער טיר און ווען יענער גייט אַוועק נעמט מען עס אַריין. אַן אַרבייטער זאָל מען בעטן צי קימען ווען דער מאַן איז אינדערהיים, דאָס זעלבע ווען די קינדער זענען אַליינס אין שטיב זאָלען זיי קיינעם נישט עפענען. ביי די אַלע זאַכען אויב מ'האָט נישט קיין ברירה זאָל מען פרעגן אַ שאלה.

**יעדענפאַלס** ביי יעדע קאָמפּליצירטע באַוועגונג זאָל מען פרעגן אַ מורה הוראה מובהק, און אַזוי ווי מיר האָבן שוין פריער דערמאנט, זאָל מען יעדעס מאָל איבערפרעגן ווייל דער רב מוז יעדע שאלה באַזונדער מעסטן און וועגן.

**נאָך** אַ וויכטיגען פונקט וואָס מיר מוזן באַטאָנען, אַז טראָץ דעם וואָס ביי פאַרשידענע אומשטענדן פון יחוד קען מען טרעפן היתרים (צ.ב.ש. דער היתר פין זיין אַליינס מיט אַ פרוי אויב איר מאַן איז אין שטאָט, אָדער מיט אַן אָפענע טיר, א.ד.ג.), פינדעסטוועגן דאָך שרייבן די ראשונים אַז אַ באַשיידענער אָפּגעהיטענער איד דאַרף מחמיר זיין אַפילו דאָרט ווי עס איז דאָ אַ פּאָר היתרים אינאיינעם (רבינו יונה בס׳ היראה ח״ד, רבינו ירוחם נכ״ג ח״א, שו״ת מהרש״ם ח״ב במפתח לאה״ע ע״ו), און לויט געוויסע פוסקים ליגט אַ פליכט אויף די אַלע וואָס דאַווענען נוסח האריז״ל (וואָס רופט זיך נוסח ספרד) זיך מחמיר זיין ביי אַלע איסורים און אויך איסור יחוד (עיין היטב שו״ת השיב משה, סימן ז, ע״ש). דעריבער דער וועלכער זוכט נישט אבי אַ היתר נאָר אַ הונדערט פּערצענט אויסגעהאַלטענעם זאָל דאָס זאָגען פאַרן מורה הוראה.

**ליידער** איז היינט זייער אַ אָפענע וועלט, דעריבער זאָל מען נישט גרינג נעמען יחוד שאלות און נישט לויפן נאָך היתרים.

**זייט נישט גלייכגילטיג:** עטליכע אופנים זענען פאַרהאַנען ווי מ׳דאַרף זייער אַכטונג געבן טראָצדעם וואָס מ׳קען זיך נייטען צו עפּעס אַ היתר ווייל עס זענען שוין אַרויסגעקומען גרויסע מכשולות דערפון. מיר וועלן זיי אויסרעכענען.

**א)** אַ פרוי וועלכע פאָרט מיט אַ מאַן אליין יעדן טאָג, אָדער זייער אָפט.

**ב)** אַ אַרבעטער וועלכע קומט אָפט אין שטיב, בפרט אויב ער איז אַ פריינטליכער.

ג) אויב זיי קענען זיך דורכדעם וואָס זיי אַרבעטן צוזאַם א.ד.ג.

ד) קרובים וועלכע זענען אין נאָנטע באַציהונגען.

ה) מיט אַ גוי אָדער גוי׳טע.

ו) ביי אַ דאָקטער ווי מ׳גייט אָפט.

ז) שכנים וועלכע האַלטען זיך נאָנט.

ח) מיט איינעם וועמען מ׳איז היימיש.

ט) מיט אַ גוי׳טע וועלכע אַרבעט אין שטיב בקביעות, אָדער אַ בייבי סיטער.

י) אויב דער אַנדערער האָט ליב צו רעדן זייטיגע זאַכען.